**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/5/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין גרין אין אנערקענונג פון ארטרייטיס אויפמערקזאמקייט חודש**

***13 פון די סטעיט'ס וויכטיגע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין גרין אום מאי 6***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די סטעיט'ס סטרוקטורן און בריקן אריבער ניו יארק וועלן באלאכטן ווערן אין גרין אום מאי 6 אין אנערקענונג פון דעם ארטרייטיס (געלענקען אנטצינדונג) אויפמערקזאמקייט חודש.

"מיליאנען ניו יארקער ליידן פון ארטרייטיס יעדן טאג, און זיך שטארקן אויף ארטרייטיס הויבט זיך אן מיטן פארשטיין די סימפטאמען און וויסן וועלכע הילף עס איז דא צו באקומען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר באלייכטן אונזערע סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן אין עהרע פון דעם ארטרייטיס אויפמערקזאמקייט חודש, איז עס וויכטיג צו בלייבן באקאנט מיט די באהאנדלונג אפציעס וועלכע זענען דא צו באקומען פאר די וועלכע ליידן פון די פיינליכע קראנקהייט. איך מוטיג אלע ניו יארקער – אפגעזעהן פון זייער עלטער – צו לערנען איבער די סימפטאמען פון ארטרייטיס און טרעפן צוטריט צו קעיר ווי עס פעהלט זיך אויס."

די 13 סטרוקטורן און בריקן וועלן באלאכטן ווערן אין גרין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- ׳פעירפארט ליפט׳ ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט צייטווייליגער קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "ארטרייטיס איז די הויפט אורזאך פון דיסאבילעטי אינעם לאנד, אפעקטנדיג צענדליגע ביליאנען דאלארן אין דירעקטע מעדיצינישע קאסטן און פאראורזאכנדיג פארקריפעלנדע ווייטאג פאר די וועלכע לעבן מיט די קראנקהייט. שטודיעס ווייזן אז געזעלשאפטליכע, עקאנאמישע און ענווייראמענטאלע

אומגלייכקייטן קענען פירן צו שווערערע ארטרייטיס פעלער, און דאס איז פארוואס איך בין אזוי דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס אנגייענדע פירערשאפט ביים פארזיכערן צוטריט צו עפעקטיווע, גלייכע און אריינגעמיגע קראנקהייט באהאנדלונג סטראטעגיעס פאר אלע ניו יארקער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418